אי״ה ביי אייך
בקרוב ממש
די ריכטיגע השתדלות צו אייער באשערטע

ציבור'ס פלאטפארמע, מיט נייעס, באריכטן, דעבאטעס, איבער די שידוכים לעזונג

וועט מען פארגעסן פון מיין בחור?!

צו די חשוב'ע שדכנים פון בקרוב. איך בין א מאמע פון א 19 יעריגער בחור, וועלכע איז שוין אין די יארן. איך האב שוין געפרובט שדכנים, שדכנים אפיסעס, און פארשידענע ארגאניזאציעס, צו בעטן אז מ'זאל אנטראגן א שיינע שידוך פאר מיין קינד.

ווי אינטערעסאנט עס איז, שטעלט זיך ארויס יעדעס מאל באזונדער, אז יענע וואך רופט מען צוריק - ווער עס רופט צוריק, נישט אלע - און מען טראגט אן א שידוך צוויי. אבער דא ענדיגט זיך עס. איך הער אפשר א וואך שפעטער נאך א האלבע נאמען, און מער פון דעם הער איך גארנישט צוריק.

עס דארף ווען לכאורה זיין גאר שטארק באזארגענד, און שדכנים וואלטן געמעגט צוריק רופן וואס מער, מיט גוטע הצעות פאר שידוכים. די פאקט אז די מאמע שפירט ווי מ'טוט איר א טובה און מ'הערט איר אויס, מען טראגט אן יענע וואך א שידוך אדער צוויי 'יוצא צו זיין', איז זייער נישט קיין גוטע זאך, און עס ברענגט אז די עלטערן זאלן שפירן ווי די שדכנים ווילן נישט ארבעטן אויף זייערע קינדער.

א דאנק פארן צושטעלן די הערליכע פלאטפארמע וואו צו אדרעסירן די טעמע - מרת ח. דייטש.

ברוכים הבאים צו די וועלט פון 'א קינד אין די יארן'. ווען מ'האט אן ערשטע קינד אין די יארן פון שידוכים, הייבט מען זיך אן אביסל צו באקענען אין די וועלט פון שדכנות, כאטש וואס מ'ווייסט נאכנישט גענוי אלעס וואס עס גייט פאר. דאס ערשטע קינד - איז אין א געוויסע זין די שווערסטע פאר עלטערן צו טרעפן א שידוך.

ביי דעם קינד שטעלט מען אראפ די אייגענע שטאנד, מען קוקט זיך ארום - אין וועלכע קאטאגאריע בין איך? וועלכע סארט שידוכים גייט מען מיר דא אנטראגן? דאס הארץ קלאפט שטארק, מען ווייסט נאכנישט קלאר אין וואספארא שיכט געזעלשאפט מ'ווערט באטראכט ביי די שדכנים, און מ'איז מתפלל כסדר אז דער באשעפער זאל צושיקן דאס באשערטע, מיט ווען דאס עלטסטער זאל אויפשטעלן א לעכטיגע בית נאמן בישראל, וואס זאל ווייטער ציען דעם גאלדענעם קייט.

ווען די ערשטע קינד איז שוין 19 - ווערן אסאך עלטערן ממש היסטעריש. ס'טייטש; שוין געווען 'בן שמונה עשרה', אבער נאכנישט דער 'לחופה'. געוויסע עלטערן הייבן שוין אן צו באקומען געוויסע פייגלעך אין קאפ, אוי, ווער ווייסט וואס די גאס זאגט אויף מיר, און ס'פאנגט זיך אן א סעריע פון שלאפלאזע נעכט בלויז אויף דמיונות און אייגענע מסקנות וואס איז לא היה ולא נברא.

איי, פארוואס רופט נישט קיינער?! פארוואס האב איך שוין געפרובט זעקס שדכנים און פיר ארגאניזאציעס, און איך הער נישט צוריק קיין איין ווארט?! דער ענטפער אין איין ווארט איז: דער שדכן דארף דעקן צופיל שידוכים, און ער קען נישט געדענקען א גאנצן טאג נאר פון דיר און נאר פון דיין שידוך אויף וואס דו ווארטסט צו הערן פון אים.

שדכנים באקומען טעגליך צענדליגע - און ארגאניזאציעס הונדערטער - אזעלכע רופן א טאג, פון בחורים וועלכע זענען שוין 19. די פראבלעם איז אז זיי קענען זיך נישט ספראווען דערמיט, וויבאלד יעדער וויל מ'זאל ארבעטן פאר זייער בחור, און ביים שדכן'ס טישל זענען דא שידוכים וואס זענען מער אקטיוו און זאכן פארן שנעלער, וועט ער בעסער זיין יעצט פארנומען מיט דעם, און אינגאנצן פארגעסן פון די צענדליגע וועלכע מוטשענען אים פאר א שידוך.

און דער אמת איז, אז דאס איז טאקע איינע פון די סיבות פארוואס ס'איז דא א שידוכים קריזיס! און צי קען מען עפעס טוען דערצו, איז זייער שווער צו זאגן אויף איין פיס. אבער דאס איז קלאר אז דאס נאכלויפן דעם שדכן און אים באמבארדירן מיט טעלעפאן רופן - איז זיכער נישט דער ריכטיגער לעזונג, כאטש וואס ארגאניזאציעס פאר שידוכים קענען יא בעסער באהאנדלען די טעלעפאן רופן.

די פאקט איז אז שדכנים זענען איבערגעשטרענגט, און זיי קענען נישט טראכטן נאר פון אייך נאכדעם וואס מ'לויפט זיי נאך פון אלע זייטן, און זיי ווערן דערטראנקען פון פיל ארבעט - ס'איז דא צופיל וואס דארפן שידוכים, און צו ווייניג שדכנים פראצענטועל, אזוי אז עס איז א קריזיס. און דערווייל איז נאכנישט דא ליידער דערפאר קיין געהעריגע לעזונג.

אבער טאקע צוליב דעם, האט 'בקרוב' געעפנט זייער ספעציעלע סיסטעם, וואס דאס טוט אינגאנצן אוועק נעמען דעם פראבלעם, און דערפאר האט בקרוב די 'לעזונג' פאר דעם שידוכים קריזיס, וואס א גרויס טייל פון די קריזיס איז צו פארדאנקען דעם פראבלעם וואס מיר האבן נארוואס אויסגעשמועסט.

כדי אז א שדכן זאל נישט האבן אזויפיל שידוכים אויף וואס צו ארבעטן אין די זעלבע צייט, וואס דאס מיינט אז ער טוט פאר יעדעם אביסל, און אין אידיש גערעדט: פאר קיינעם גארנישט... - האט בקרוב געשאפן דעם פערפעקטן סיסטעם וואס מאכט זיכער אז אייער בחור ווערט נישט פארגעסן.

איינע פון די פילע מעלות פון בקרוב איז, אז ביי בקרוב באקומט יעדע שדכן אפאר בחורים פאר וועמען ער 'מוז' טרעפן א שידוך, אזוי אז ער קען זיך בעסער אפגעבן פאר יעדן בחור עקסטער. אין פאל ער בלייבט שטעקן, באקומט אייער בחור א אנדערער שדכן, וואס הייבט אן מיט פרישע ענערגיע צו ארבעטן מיט זיין בליק אויף א שידוך.

אזוי וועט מען נישט פארגעסן פון אייער בחור, און נישט צולאזן אז ער זאל ווערן עלטער און עלטער, ווען די עלטערן ווארטן צו הערן. און אפילו אויב ער איז יא עלטער געווארן, דארף מען נאכאלץ נישט צוריק ציען, נאר מ'וועט ווייטער ארבעטן, ביזן ברעכן טעלער - בקרוב ממש!

פאר סיי וועלכע קאמענטארן, פראגעס, געדאנקען, עצות, חיזוק, הדרכה וכדומה,
קענט איר אריינרופן 'בקרוב', און מיר וועלן בעז״ה אדרעסירן אייער טעמע.
טעלפאון: 845.351.0445 עקסטענשאן 8 | פאקס: 845.470.3092
בליץ-פאסט צו: shdchnm@gmail.com